# יומא דהילולא

ביאגראפישע שטריכן און קורצע אפשאצונגען
איבער דאס לעבן און שאפן פון רבותינו הקדושים
ווען ס׳ ימי ההילולא געפאלט אין די קומענדיגע טעג

שנה א׳ • גליון י״ח • פרשת משפטים תשפ״ד

## לוח ההילולא

**א׳ אדר א׳**

הגה״ק רבי עמנואל חי׳ ריקי זצ״ל בעל משנת חסידים

הגה״ק רבי אורי הכהן מסאבור זצ״ל

ב׳ אדר א׳

הגאון רבי אברהם שאול פראנק זצ״ל מהמבורג

**ג׳ אדר א׳**

הגאון רבי ישכר בער זצ״ל מלבוב

**ד׳ אדר א׳**

הגה״ק רבי שרגא צבי טענעבוים זצ״ל אבדק״ק טשאטה

**ו׳ אדר א׳**

רבי דינאל פרוסטיץ זצ״ל ראב״ד פרעשבורג

**ז׳ אדר א׳**

משה רבינו ע״ה

הגאון רבי ארי׳ יהודה ליב בארנעט זצ״ל דומ״ץ לאנדאן

## א׳ אדר א׳

## הגה״ק רבי עמנואל חי׳ ריקי זצ״ל בעל משנת חסידים

געבוירן ביום ט״ו תמוז שנת תמ״ז, אין שטאט פעררארא [-צפון איטאליע], צו זיין פאטער רבי אברהם ז״ל, און צו זיין מוטער מרת מרים ע״ה. ווען ער איז געווען א קליין קינד איז זיין משפחה געפארן וואוינען קיין ריוויגו. ווען ער איז אלט געווען זעקס יאר איז ער ל״ע נתייתם געווארן פון זיין טאטע׳ן, און ער איז פון דאן אויפגעצויגן געווארן ביי זיין פעטער, זיין מאמע׳ס ברידער, רבי ידידיה רבינו ז״ל. ווען ער איז אלט געווען ניינצן יאר איז זיין פעטער נפטר געווארן, און ער האט דאן פארלוירן זיין מקור הפרנסה, ווערנדיג ביז דאן אויסגעהאלטן דורך זיין פעטער, האט ער אנגעהויבן ארומצופארן צווישן די שטעט כדי צו זיין א מלמד. ער האט געלערנט תורה, ש״ס ופוסקים ביי זיין רבי׳ן הגאון רבי נתן פינקרלי זצ״ל. בשנת תע״ז, האט ער באקומען סמיכה להוראה דורך הגאון רבי הלל אשכנזי זצ״ל אין שטאט טריסטי. חכמת הקבלה האט ער מקבל געווען פון הגאון רבי בנימין הכהן זצ״ל.

רבי עמנואל האט פארמאגט א געוואלדיגע שאיפה עוסק צו זיין בחכמת הקבלה, און ער האט מחליט געווען אלס איבער צו לאזען, און ווען ער איז אלט געווען דרייסיג יאר איז ער ארויף געפארן קיין ארה״ק און זיך באזעצט אין צפת, דארט האט ער עוסק געווען בלימוד ספרי קבלה וסודות התורה און תורת הח״ן. נאך צוויי יאר, בשנת ת״פ האט אויסגעבראכן א מגיפה אין צפת, איז ער דעמאלטס צוריק געפארן קיין חוץ לארץ, פארנדיג אויפן ים איז די שיף באפאלן געווארן מיט רויבער, נאך פערציג טעג איז ער באפרייט געווארן און איז געגאנגען קיין איטאליע אין שטאט ליווארנא, פון דארט איז ער נתקבל געווארן אלס רב אין שטאט פירנצה. נאך פיר יאר דינען אלס רב איז ער צוריק געפארן קיין ליווארנא וואו ער האט עוסק געווען מיט דריקן זיינע ספרים, דערנאך איז ער ארום געפארן די וועלט צו פארקויפן זיינע ספרים צווישן אנדערע איז ער געווען אין איזמיר, סאלאניקי און קושטא אין טערקיי, ווי אויך איז ער געווען אין אמסטערדאם, גיבילטער און אין לאנדאן און אין נאך פלעצער.

סוף ימיו האט ער מחליט געווען זיך צוריק צו קערן קיין ארץ ישראל, אויפן וועג האט ער זיך אויפגעהאלטן פאר צוויי יאר אין דמשק ארם צובה, דארטן האט ער געהאנדלט מיט סחורה וואס מען האט אים געשיקט פון לווארנא, נאך דעם וואס ער האט שוין געהאט איינגעזאמלט גענוג געלט, האט ער זיך געצויגן קיין ארץ ישראל.

רב עמנואל האט געוואלט מייסד זיין א ישיבה אין ירושלים און איז צוליב דעם נאך אמאל ארויס געפארן קיין חוץ לארץ צו שאפן געלט. נאכן זיך אויפהאלטן פאר צוויי יאר אין חו״ל איז ער באפאלן געווארן מיט רויבער. און זיי האבן אים גע׳הרג׳ט ביום א׳ לחודש אדר שנת תק״ג, הי״ד, ומנו״כ מודינה - איטאליע. מח״ס משנת חסידים על עניני קבלה, מעשה חושב על מלאכת המשכן, הון עשיר בביאור לשונות המשנה, חושב מחשבות על נ״ך, חזה ציון על תהלים. (ראה בספרו חזה ציון בהקדמה)

## הרה״ק רבי אורי הכהן יאללעס מסאבור זצ״ל

געבוירן ביום כ״ד אייר תקצ״ב, אין שטאט לבוב [דאן אין גאליציע], צו זיין פאטער הרה״ק רבי אפרים צבי הכהן זצ״ל. יונגערהייט האט רבי אורי שוקד געווען בהתמדה רבה, יומם ולילה מיטן לערנען די תורה הקדושה, אינאיינעם מיט זיין חבר הגאון רבי יצחק שמעלקיס זצ״ל בעל הבית יצחק, ביי זייער רבי׳ן הגאון רבי יוסף שאול נאטאהן זצ״ל בעל שואל ומשיב. ווען ער איז אלט געווען אכצן יאר איז ער נסמך געווארן להוראה דורך זיין רבי׳ן דער שואל ומשיב זצ״ל, ער האט חתונה געהאט מיט מרת שרה יענטא ע״ה א טאכטער פון הגאון

רבי שמשון טונא זצ"ל דומ"ץ ומגיד משרים בק"ק קאמארנא, רבי אורי פלעגט פארן קיין בעלזא זיך צו מסתופף זיין בצ"ק פונעם ערשטן בעלזא'ער רב הרה"ק דער שר שלום זצ"ל, נאכן הסתלקות פונעם שר שלום, בשנת תרט"ו האט ער אנגעהויבן זיך מסתופף זיין בצ"ק פון הרה"ק רבי אברהם'טשע סטרעטינ'ער זצ"ל, פארנדיג צו אים תמידים כסדרן, איידער הסתלקות האט זיין רבי הרה"ק מסטרעטין זצ"ל אים מסמיך געווען און האט אים דאן געגעבן א ברכה אז ער זאל קענען פועל'ן ישועות לטובת אידישע קינדער.

פון דאן -בשנת תרכ"ד- איז ער נתפרסם געווארן מיט זיין גרויסע קדושה און פלאמפייערדיגע עבודה וואס איז געווען אויפן סטרעליסק - סטרעטינ'ער דרך, און האט אריין געשיינט אין אידישע הערצער הויפענעס פון תורה, חסידות, קדושה און יראת שמים.

נאכן הסתלקות פון זיין רבי'ן הרה"ק מסטרעטין זצ"ל -טראץ וואס ער אליין איז שוין געווען א רבי און געפירט אן עדה בישראל- האט זיך רבי אורי מדבק געווען בכל נימי נפשו אין הרה"ק רבי אברהם יעקב מסאדיגורא זצ"ל און ער האט זיך אמאל -ווען ער האט שוין געוואוינט אין סאמבור- אויסגעדריקט אז "מיין גוף געפונט זיך אין סאמבור, אבער מיין נשמה איז אין סאדיגורא זצ"ל.

ווען מען האט אים אמאל געפרעגט פארוואס ער פארט נאך צו א רבי, ווען ער אליין איז שוין מפורסם אלס א רבי, האט ער געענפערט אז עס שטייט אין אבות דרבי נתן (פ"ג ה"ו) אז א מענטש דארף מקבל זיין פון דריי צדיקים כגון רבי אליעזר ורבי יהושע ורבי עקיבא, "דער היילגער רב [-מבעלזא] איז מיין רבי אליעזר, דער רבי [-מסטרעטין] איז מיין רבי עקיבא, און דער סאדיגערער רבי איז מיין רבי יהושע בן חנניה, פון איהם האב איך מקבל געווען דברים העומדים ברומו של עולם".

בשנת תרל"ח האט ער עפ"י עצת רבו הרה"ק מסאדיגורא זצ"ל אריבער וואוינען קיין סאמבור, ווי ער האט אנגפירט באדמורו"ת, און טוזנטער האבן זיך מסתופף בצ"ק, סוף ימיו האט ער ליידער פאלוירן די חוש הראיה און איז געווארן א סגי נהור, טראץ דעם האט ער נישט נאך געלאסט פון זיין עבודת הק'. ער איז נסתלק געווארן ביום השבת ב' דר"ח אדר שנת תר"ע, האלטנדיג אינמיטן כתר פון תפילת מוסף שבת ר"ח פרשת שקלים, איז ער נסתלק געווארן. ומנו"כ אין שטאט סאמבור. זיינע ד"ת איז געדריקט אין ספר אור .

## ב' אדר א'

## הגאון רבי אברהם שאול ליב פראנק זצ"ל דומ"ץ הומבורג

געבוירן צו זיין פאטער הגאון רבי הירש זצ"ל דומ"ץ אלטונא, געווען א גדול בתורה, צדיק מפורסם, א ירא ה' וואס האט נהנה געווען מיגע כפו, ער האט משמש געווען אלס חבר הבדי"ץ פון הגאון רבי עקיבא ווערטהיימער זצ"ל, ער איז נסתלק געווארן בשיבה טובה ביום ב' אדר שנת תקצ"ז לפ"ק (ראה בספר חכמי אה"ו דף 83)

## ג' אדר א'

## הגאון רבי ישכר דוב בער זצ"ל דומ"ץ ודר"מ בלבוב

געבוירן צו זיין טאטע רבי משה ז"ל, געווען א גאון אדיר, בעל מקובל, איש אלקי, בקי בנגלה ובנסתר, ער האט מרביץ תורה געווען ברבים. אויף זיין מציבה איז נחרת "הגאון המופלג ובקי בחדרי תורה בנגלה ובנסתר, בוצינא קדישא חסידא ופרישא המפורסם המקובל וכו' שהיה דיין ומצוין וריש מתיבתא וכו' והי' יודע לכון רבונו בתפלתו כחזקיה". ער איז נסתלק געווארן ביום ג' אדר שנת תכ"ד. (ראה בספר אנשי שם - לבוב דף 124)

## ד' אדר א'

## הגה"ק רבי שרגא צבי [-פייבוש הירש] טענעבוים זצ"ל אבדק"ק טשאטה

געבוירן א' אייר שנת תקפ"ו אין שטאט סענדרא צו זיין פאטער הגה"ק רבי זאב וואלף זצ"ל אבד"ק סנדרא , ווערפעלעט, בעל רחובות הנהר, און צו זיין מוטער מרת סלאווא ע"ה, בת הגאון רבי שרגא פייבוש פרענקל זצ"ל אב"ד גונז-ריסקא בעל תלת גוונין דשרגא. ער איז נתגדל געווארן על ברכי אביו הגדול, און האט געשעפט פון אים מלא חפנים תורה, קדושה און יראת שמים.

כשהיגע לפרקו האט ער חתונה געהאט מיט מרת הענדל ע"ה טאכטער פון הגאון רבי אברהם יעקב ראזע זצ"ל אב"ד קאשוי. בשנת תר"ח ווען זיין פאטער האט זיך איז נתקבל געווארן אלס רב אין שטאט ווערפעלעט איז דער נטע שורק נתקבל געווארן במקום אביו אלס רב אין שטאט סענדרא, וואו דארט איז ער געזעצן פאר די קומענדיגע זעקס אין צוואנציג יאר ובשנת תרל"ד איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט טשאטה.

דער נטע שורק איז געווען מפורסם אלס גרויסע גאון, חריף עצום, קדוש ה', לחום מלחמת ה' וואס האט אוועק געשטעלט הדת על תילה, עמוד התורה און פוסק הדור, וואס נאך יוגערהייט האט מען אים אנגעפרעגט שאלות צו מכריע זיין און פסק'נען בדבר הלכה און ער האט געענטפערט טויזנטער תשובות. דער נטע שורק איז נסתלק געווארן ביום ד' אדר א' ומנו"כ אין טשאטה. מח"ס נטע שורק על התורה וחידושי סוגיות ושו"ת. (תולדותיו שמעתי מפי נכדו הרה"ג ר'

שמואל אהרן חנני' טענענבויום שליט"א מח"ס נציצי תומר, ימי מלך ועוד ותשחח"ל)

## ו' אדר א'

# הגאון רבי דניאל פראסטריץ זצ"ל ראב"ד פרעשבורג

געבוירן בשנת תקי"ט אין שטאט דאביטשוי אין מדינת מעהרען, צו זיין פאטער הגאון רבי בנימין זאב [וואלף] זצ"ל, ער האט געלערנט ביי הגאון רבי מאיר ברבי זצ"ל אב"ד פרעשבורג, דארט האט ער געלערנט בהתמדה רבה פאר זעקס יאר, דערנאך איז ער געגאנגען לערנען אין שטאט פראג אין די ישיבה פון הגאון רבי ליב פישעל זצ"ל.

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית יטל טאכטער פון הנגיד רבי איצק זצ"ל פון די שטאט לוגאש נאך די חתונה איז ער גזעצין עה"ת והעבודה, אין לוגאש זייענדיג א גרויסער מבקש האט ער געוואלט וואוינען נעבן א גדול בתורה, אשר לו יד ושם אויך אין די נסתרות התורה, האט ער אויסגעוועלט אריבערצוגיין וואונען קיין פרעשבורג במחיצות פון הגאון רבי משולם איגרא זצ"ל פון טיסמניץ, וועלכער איז באקאנט געווען מיט זיין געוואלדיגע חריפות ובקיאות, אויך האט ר' שמולם איגרא געשמט אלס א בקי בחדרי התורה וסתריה, ר' דניאל איז ביי אים נתקרב געווארן, ובצלו ישב וחמד בחמדת התורה, לימים איז ר' דניאל אויפגענומען געווארן אלס דיין אין פרעשבורג.

ר' דניאל האט דארט אין פרעשבורג געגרינדעט א חברת מחזיקי תורה, און ער האט מרביץ תורה געווען פאר בחורים וועלכע זענען געקומען לערנען קיין פרעשבורג. נאך די פטירה פון ר' משולם איגרא בשנת תקס"ב איז דער כסא הרבנות אין פרעשבורג געשטאנען ליידיג פאר עטליכע יאר, ביז תקס"ז ווען דער חתם סופר איז געקומען פון מאטעסדארף צו נעמען די רבנות פאסטן, אין די יארען האט ר' דניאל געדינט און געפירט די שטאט, מיט אלע רבנישע אנגעלעגנהייטן, אויך איז ער געווען שטארק אקטיו אין די אויפנאמע פונעם חתם סופר אלס רב.

דורכאויס די אלע יארען וואס דער חתם סופר האט דארט משמש געווען ברבנות, האט צווישען די צוויי גדולים געהערשט א זעלטענע ידידות, דער חת"ס האט אים רעקאמענדירט ביי עטליכע פעלער, ווען קהלות האבן אנגעפרעגט איבער א פאסיגער קאנדידאט אויף א רבנות שטעלע, א זאך וואס ר' דניאל האט למעשה קיינמאל נישט אנגענומען, זייענדיג מקושר בעבותות אהבה צום שטאט פרעשבורג, מיט די יארען איז ר' דניאל געבליבען דער עלסטער פון די חברי הבי"ד, און ער איז אויפגענומען געווארן אלס ראש בית דין, נאך די פטירה פון הג"ר מרדכי טאסק ראב"ד פרעשבורג בשנת תקצ"ז.

רבי דניאל איז געווען א גאון מובהק וואס האט געלערנט מיט א געוואלדיגע יושר און חריפות, און געווען א מלאך אלקים קדוש ונורא, א גאון עצום חכם מחוכם און בעל מקובל גדול ווי אויך אן איש מופת. רבי דניאל איז נסתלק געווארן אין טיפען עלטער פון זיבן און אכציג יאר ביום ו' אדר שנת תר"ו. ומנו"כ אין פרעשבורג. מח"ס מחנה דן על מסכת פסחים.

## ז' אדר א'

# משה רעיא מהימנא

אין יאר ב' אלפים שנת שס"ח ז' אדר און דעם דריטן שעה פון טאג איז אין די הויז פון עמרם בן קהת בן לוי בן ישראל סבא קדישא און פון זיין ווייב יוכבד בת לוי נתמלא געווארן מיט ליכטיקייט ווען עס איז געבוירן געווארן זייער זון משה וואס איז געבוירן געווארן גע'מל'עט. קודם האט אים זיין מוטער פראבירט צו באהאלטן אבער ווען עס איז אריבער דריי חדשים, און זי האט אים שוין נישט געקענט באהאלטן האט יוכבד גענומען א קאסטן געמאכט פון פומזן האלץ, און אין דעם אריינגעלייגט איר קינד משה און געלייגט די קאסטן אין די וויזע [-הויכע גראזן] ביים בראטן פון טייך. מרים די שוועסטער פון משה האט זיך געשטעלט פונדערוואטענס צו זען וואס עס וועט פאסירן מיט איר ברידער.

אין יענע צייט האט השי"ת געשיקט א שטארקע היץ איבער גאנצן לאנד מצרים און בתי' פרעה'ס טאכטער איז אראפ צום וואסער זיך צו וואשען און אפקילן פון די היץ, און ווען בתי' האט באמערקט די קאסטן אין די וויזע האט זי געשיקט אירע דינסטן דאס איר צו ברענגן, ווען בתי' האט געעפענט די קאסטן האט זי געזען א קינד וויינען, און זי האט אויפן קינד געשווינט האט זי געזאגט אז דאס איז פון די קינדער פון די אידן, און בתי' האט אהיים גענומען משה צו איר טאטענס פאלאץ. ווען משה האט נישט געוואלט זייגן פון א נישט אידישע האט בתי' געבעטן פון זיין מאמע יוכבד אז זי זאל אים ציריק אהיים נעמען. שפעטער ווען משה רבינו איז שוין געווארן דריי יאר האט אים בתי' צוריק גענומען צו איר טאטע'ן אין פאלאץ. די נאמען משה האט אים בתי' געגבן און הגם משה האט געהאט צען נעמען האט מען אים גערופען אויף די נאמען וואס בתי' האט אים געגעבען. [בש"ס ובמדרשים איתא שנקרא א)ירד שירד מן לישראל בזכותו, ב)חבר, שחיבר לב ישראל לאביהם שבשמים, ג)יקתואל, שעשה את הבנים מקווים לאביהם שבשמים, ד)אבי גדור, שגדר פרצותיהן של ישראל ה) אבי שיכו, שהי' אבי הנביאים שסכו ברוה"ק ו) אבי זנוח, שהזנח עונותיהם של ישראל ז') טוביה, שמעיה ששמע ק-ל תפלתו, ח) נתנאל שניתנה לו התורה מיד ליד ט) לר"מ גם טוב שמו.]

ווען משה רבינו איז אלט געווען דריי יאר איז ער אמאל געזעצן אויפן שויס פון פרעה, און משה האט גענומען די קענגליכע קרוין פון פרעה'ס קאפ און עס אנגעטאן אויף זיך, דעמאלטס האט איינער פון די שרי פרעה -דאס איז געווען בלעם - געזאגט אז מען דארף שוין הרג'ענען דאס קינד פאר ער ווערט עלטער און ער וועט פון דיר צונעמען די מלוכה, השי"ת האט דאן אראפ געשיקט מלאך גבריאל וואס האט זיך פארשטעלט ווי איינע פון די שרי מצרים און האט געזאגט פאר פרעה אז מען זאל ברענגען א שיינעדיגע בריליאנד שטיין מיט אביסל הייסע קוילן און מען זאל עס לייגן פאר דאס קינד משה, אויב גייט ער נעמען די שטיין ווען מען זען אז דעס וואס ער האט גענומען די כתר המלכות דאס איז פון קליגשאפט, און מען זאל אים הרג'ענען, אבער אויב וועט ער נעמען די קוילן וועט מען זען אז ער איז סתם א נאריש קינד און ווען ער האט גענומען די כתר האט ער גארנישט געמיינט. ווען מען האט אריינגעברגט די צוויי זאכן האט משה גענומען די קוילן און עס געלייגט אויף זיין ליפן, פון דאן איז ער געווארן א ערל שפתים.

ער איז אלט געווען אכצען יאר איז ער ארויס אויף די גאס און ער האט גע'הר'געט א מצרי וואס האט געשלאגן א איד, און א טאג דערנאך האט ער פארגעהאלטן דתן און אבירם "למה תכה רעך", און זיי האבן אים פאר'מסר'ט פאר פרעה, וואס האט אים דן געווען למיתה, איז משה אנטלאפען פון מצרים.

ווען משה איז אלט געווען זיבן און צוואנציג יאר האבן אים די מענטשען פון ארץ כוש איהם מכתר געווען אלס מלך אויף זיי, דארט איז האט ער געקעניגיט פאר פערציג יאר. ווען משה איז אלט געווען זיבן און זעכציג יאר איז ער אוועק געגאנגען פון כוש, פון דארט איז געגאנגען קיין מדין, און ער איז דארט גזעצין פאר צען יאר אין תפיסה, ביי יתרו, ביי די זיבן און זעכציג האט משה חתונה געהאט מיט צפורה די טאכטער פון יתרו, נאך די חתונה האט משה גע'פאשעט די שאף פון זיין שווער יתרו, איינמאל איז א איין ציגעלע אנטלאפען און משה איז אים נאך געלאפען, און די ציגעלע איז אונגעקומען ביז מדבר סיני און דארט האט משה געזען די מראה הסנה.

משה אינאיינעם מיט זיין ברידער אהרן הכהן האבן זיך געשטעלט פאר פרעה, און ווען פרעה האט זיך אנטזאגט פון ארויס לאזן די אידן פון מצרים, האט זיך אונגעהויבן די צען מכות די ערשטע מכה דם, בלוט, איז געווען אין טאג פון ר"ח מנחם אב, און יעדע חודש איז געווען נאך א מכה, אינעם טאג פון ט"ו ניסן שנת ב' אלפים תמ"ח זענען די אידן ארויס פון מצרים, שביעי של פסח האט קמשה געשפאלטן דעם ים און דערנאך האט ער גאזאגט שירה, ביז ט"ו באייר האבן נאך די אידן געגעסן פון די ברויט מיט וואס זיי זענען ארויס פון מצרים, און פון ט"ז אייר האט אנגעהויבן צו פאלן מן בזכות משה רבינו (קידושין נ"ח), ווען די מן האט אראפגענידערט האט משה מתקן געווען ברכת המזון.

ביום ו' [אדער ז'] סיון ביום השבת האט השי"ת געגעבן די תורה פאר אידן דורך משה, און די תורה איז נקראת על שמו "תורת משה". דריי מאל איז משה געווען אין הימל פאר פערציג טעג, ביז יו"כ ווען משה האט אראפ געברענגט די ליחות שניות, בר"ח ניסן האט משה אויפגעשטעלט די משכן, בשנת תמ"ח האט מען געשיקט די מרגלים, און דאן איז נגזר געווארן אז מען גייט פארבלאבן אין מדבר פאר די קומענדיגע פערציג יאר.

בשנת ב' אלפים תפ"ח אין חודש אלול האט משה געשלאגן סיחון, אין כ"ג תשרי עוג.

משה רבינו איז געווען א חכם, גיבור, עושר און בעל קומה (שבת צ"ב) אלע נבאים האבן געזען באספקלריא שאינה מאירה, אבער משה האט געזען באספקלריא המאירה, ווי די תורה איז מעיד ולא קם נביא עוד בישראל כמשה אשר ידעו ה' פנים אל פנים.

ר"ח שבט שנת תפ"ח האט משה רבינו אנגעהויבן איבער צו גייען די גאנצע תורה, און ער האט געענדיגט ביום פטרתו ביום ז' אדר. אין דעם טאג האט משה געבענטש יעדען שבט באזונדער, ווי אויך האט משה געשריבן דרייצין ספר תורה'ס פאר די דרייצין שבטים, און מסמיך געווען זיין תלמיד יהושע בן נון.

וימת שם משה עבד ה' בארץ מואב על פי ה' [-במיתת נשיקה, רש"י], ויקבר אותו בגי [הקב"ה קבר אותו, רש"י] בארץ מואב מול בית פעור ולא ידע איש את קברתו עד היום הזה, ומשה בן מאה ועשרים שנה במתו לא כהתה עינו [גם אחר שמת, רש"י] ולא נס לחה [לא שלט בו רקבון, ולא נהפך תואר פניו, רש"י].

## הגאון רבי ארי' יהודה ליב בארנעט זצ"ל
## דומ"ץ דק"ק לאנדאן יצ"ו

געבוירן שנת תקנ"ט אין שטאט קראטשין, צו זיין פאטער הגאון רבי ישכר בער ליכטנשטאט זצ"ל דומ"ץ קראטשין ומח"ס אהל יששכר, ער איז געווען א תלמיד פון הגאון רבי עקיבא אייגער זצ"ל. בערך שנת תקצ"ד איז ער נתקבל געווארן אלס חבר הבדי"ץ דק"ק לאנדאן והמדינה (יונייטי"ט סינגאו"ג), אינטערן פירערשאפט פון דעמלסדיג'ן לאנדאנ'ער רב הגאון רבי שלמה הירשל בערלינער זצ"ל. זיין נאמען ערשיינט אויף אלע בריוו'ן און ק"ק פון בית דין אין זיין תקופה. ער איז נסתלק געווארן ביום ז' אדר א' שנת תרל"ה. ומנו"כ אין ווועסט האם. אויף זיין מציבה איז נחרת "הוא היה אחד מן השרידים אשר יצק מים על ידי הגאון מו"ה עקיבא איגר נ"ע ואשר שאב ממעיני תורתו, ונטר כרם צדקתו בארבעים ושתים שנה ישב על מדין ודן דין אמת לאמתו בעיר לונדן הבירה".